

# די פּען 7

אדר א׳ תשנ״ה   הודשלעכער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור   פעב. 1995

די פּען 7

אדר א׳ תשנ"ה \ פעב. 1995

רעדאַקטאָר:

הירשע־דוד קאַץ

רעדאַקציע:

יאָהאַנעס ל. בראָזי

גענאַדי עסטרייך

הירשע־דוד קאַץ

דוב־בער קערלער

אַבאָנאָמענטן,

מאַנוסקריפּטן,

קאָרעספּאָנדענץ:

Managing Editor

The Yiddish Pen

Golden Cross Court

4 Cornmarket

Oxford OX1 3EX

England

טעלעפאָן:

(+) 44 865 798989

פֿאַקס:

(+) 44 865 798987

געגרינדעט פֿון דער

משפּחה טאַבאַטשניק

צום אָנדענק פֿון

יידישן פּאָעט און

פּראָזאַאיקער

מענדל טאַבאַטשניק

(1975 — 1894)

פֿאַרלאַג „דריי שוועסטער"


## פּאָעזיע


הינדע זאַרעצקי (ניו־יאָרק): לזכרון איזי כאַריק 1

יעקב צבֿי שאַרגעל (פּתח תּקווה): אויף ווערטער פֿון גענאָד 2

חוה ראָזענפֿאַרב (מאָנטרעאָל): טאָכטער 4

וועלוול טשערנין (אלקנה): חזון יחזקאל 6

אלכּסנדר ליזען (לעמבערג): באַשווערונג 7

גרוניאַ סלוצקי־קאהן (מאָנטרעאָל): די זון קלייבט זיך אַהיים 8

רבֿקה באַסמאַן (הרצליה): שפּאָגל אַלטע אותיות 10


## פּראָזע


אלישבֿע כּהן־צדק (רחובֿות): איך בין דאָ, מיין קינד 11

יוסף הייבלום (מאָנטרעאָל): מען קאָן עס אַזוי פֿאַרשטיין 14

כאַשקע בלאַכער (פֿון עזבֿון): אַ מעשׂה פֿונעם דניעפּר 16

חיים ביידער (מאָסקווע): דאָברושינאָ 23


## זכרונות


בלומע קאַץ (סווינציאַן): מיין ערשטע לערערין 28


## רעצענזיע


דפֿנה קליפֿאָרד (אָקספֿאָרד):
בעסאַראַבער יידן, דעמאָלט און איצט — צוויי ביכער
פֿון יענטע מאַש 32


## אינטערוויו


אבֿרהם קאַרפּינאָוויטש (אינטערוויואירט: ג. עסטרייך) 33


הילע:

די יידישע פֿאָלקס־שול און גימנאַזיע אין סווינציאַן (1922). אונטן רעכטס (לעבן די טרעפּ, מיט אַ שטעקן): דער לערער קאַטשערגינסקי. צו לינקס (און ווייטער אַרויפֿצוצו, זייגערמעסיק): דער לערער פֿינצאָו; דער דירעקטאָר ד"ר בנימין קאָוואַרסקי; די לערערין און פֿאַרוואַלטערין פֿון דער פֿאָלקס־שול דבֿורה פֿישער; די לערער יוסף ברומבערג, אליהו גאָלדשטיין, מוסין, יונה שפּער. זע זז. 28—31.

The Yiddish Pen 7

monthly for Yiddish poetry and prose

Feb. 1995

Editor:
Dovid Katz

Editorial Board:
Johannes L. Brosi
Gennady Estraikh
Dovid Katz
Dov-Ber Kerler

Address for subscriptions, manuscripts and correspondence:

Managing Editor
The Yiddish Pen
Golden Cross Court
4 Cornmarket
Oxford OX1 3EX
England

Telephone:
(+) 44 865 798989

Fax:
(+) 44 865 798987

Published by the Oxford Institute for Yiddish Studies

Founded by the Tabatznik family in memory of Yiddish poet and novelist Mendel Tabatznik (1894 — 1975)

Three Sisters Press

## Poetry

Hinde Zaretsky (New York): To Izi Kharik 1
Yaakov Tzvi Shargel (Petach Tikva): On Words of Grace 2
Chava Rosenfarb (Montreal): Daughter 4
Velvl Chernin (Elkanah): Vision of Ezekiel 6
Alexander Lizen (Lvov): Oath 7
Grunia Slutzky-Kohn (Montreal): The Sun Goes Home 8
Rivka Basman (Herzliah): Brand Old Words 10

## Prose

Elisheva Kantsedik (Rehovot): I am Here, my Child 11
Joseph Heibloom (Montreal): One Way of Looking at it 14
Chaske Blacker (from her Archives): A Story from the Dnieper 16
Chaim Beider (Moscow): Dobrushino 23

## Memoir

Bluma Katz (Švenčionys): My First Teacher (Memories of the Secular Yiddish School in Svintsyan) 28

## Review

Dafna Clifford (Oxford): Bessarabian Jews Then and Now: Two Books by Yente Mash 32

## Interview

Abraham Karpinowitz (Interviewed by G. Estraikh) 33

Cover:
The Yiddish primary and secondary school in Svintsyan (now Švenčionys, Lithuania), in 1922. Standing to the right of the stairs (with walking stick) is the teacher Katsherginski. To his left (and then clockwise): Pintsov (a teacher); the school's director Dr Benyomin Kovarski; Dvoyre Fisher (teacher and headmistress of the elementary school); the teachers Yosef Brumberg, Elye Goldshteyn, Musin, Yoyne Shper. See pp. 28-31.

# מיין ערשטע לערערין

## בלומע קאַץ

בלומע קאַץ וואוינט אין סווינציאַן, וואו זי פאַרנעמט זיך מיט יידישער קולטור אַרבעט. פאַר דער מלחמה האָט זי שטודירט אין ווילנער יידישן לערער סעמינאַר.

דאָס איז געווען נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה — אַ צערואינירט לאַנד, אַ צערואינירט לעבן. מענטשן האָבן זיך זשעדנע צוגעהערט צו אַלע נייעס, כאָטש אויף קיין בשורות טובות האָט מען שטאַרק ניט אויסגערעכנט — קעלט און הונגער, עלנטקייט און האָפענונגלאָזיקייט זיינען געווען די שטענדיקע באַגלייטער.

כאַיקע (חיהקע), מיינע אַ חברטע פון הויף, האָט אַלע נייעס געוואוסט די ערשטע: זי פלעגט מיט איר טאַטן גיין איבער שטעט און דערפער ווי אויך איבער אונדזער סווינציאַן. זי פלעגט זינגען און טאַנצן אונטער דער מוזיק פון איר טאַטנס קאַטערינקע. צוריק פלעגט זי קומען אָנגעשטאָפּט מיט נייעס, וועלכע מיר, קינדער פון הויף, האָבן אויסגעהערט מיט גרוים התפעלות און, פאַרשטייט זיך, מיט אַ ביסל קנאה. איינמאָל האָט זי אונדז מודיע געווען, אַז ערגעץ אויף דער קאַזנאַטשייסטווער גאַס (היינט געדימינאַ 14), האָט זיך געעפנט אַ שול און אַז דאָרטן נעמט מען אָן אַלע קינדער, אַפילו אָרעמע.

סווינציאַן, אין דער אַמאָליקער ווילנער גובערניע, האָט געהערט צו פוילן צווישן די ביידע וועלט מלחמות. היינט שווענטשיאָנים (אין ליטע).

אינדערפרי, ווען די עלטערן זיינען אַוועק צו דער אַרבעט, האָבן מיר ביידע, איך און כאַיקע, זיך אַוועקגעלאָזט אין שול. מיט מיין מאַמען האָב איך זיך וועגן דעם ניט געטיילט, כ׳בין געווען ניט זיכער ווי אַזוי זי וועט אויף דעם רעאַגירן. איך אַליין האָב ניט געקענט אָפּשאַצן מיין טאַט.

מיר גייען אין שול, און פאַרשיידענע געדאַנקען קומען אין קאָפּ אַריין. אפשר וועט מען אונדז ניט אָננעמען? כאָטש דערפאַר וואָס מיר זיינען באָרוועס? נאָר קוים באַשלאָסן — עפענען מיר די טיר פון שול. אַ

גרויסער קאָרידאָר, שטיל, קיין לעבעדיקער נפש. שטייען מיר ביי דער טיר און וואַרטן.

פּלוצלונג קלינגט עפּעס אַ גלעקל. פון דער טיפעניש האָט זיך אַרויסגעלאָזן אַ טומלדיקע כאַפּטע קינדער. פריילעכע, לעבעדיקע, אַלע ריידן מיטאַמאָל. אַלעמענס בליקן זיינען געווענדט צו אַ ליבער, ניט קיין הויכער פרוי מיט אַ באַזילבערטן קאָפּ. זי רעדט מיט יעדן באַזונדער און מיט אַלעמען צוזאַמען. פון דער היימישער פרוי ווי פון דער רוישיקער קאָמפּאַניע האָט געשטראַלט מיט וואַרעמקייט און גוטסקייט.

די פרוי האָט אונדז באַמערקט, צוגעגאַנגען צו אונדז, זיך באַגריסט און דערנאָך געפרעגט:

— איר ווילט זיך, קינדער, לערנען?

מיר האָבן אין איין קול געענטפערט, אַז יאָ, מיר ווילן. זי האָט געפרעגט, צי מיר קענען עפּעס — לייענען, שרייבן? אָפּגעשאַצט אונדזערע „קענטעניש", האָט זי געמאָלדן:

— קומט, קינדער, מאָרגן. איר זייט שילערינס פון ערשטן קלאַס.

די מילדע פרוי, דבורה פישער, איז געווען פאַרוואַלטערין פון דער נאָרוואָם געבאָרענער, אין אַ מזלדיקער שעה, יידישער פאָלקס־שול. אונדזער שול איז דאַן באַשטאַנען פון צוויי קלאַסן. אין צווייטן קלאַס האָבן זיך געלערנט אויך די „איבערגעוואַקסענע" קינדער, וועלכע זיינען שוין געווען צען, עלף אָדער אַפילו צוועלף יאָר אַלט, אָבער מחמת דער מלחמה האָבן זיי ניט געקענט נאָרמאַל און צו דער צייט לערנען. מיט דער צייט איז די שול אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ זיבנקלאַסיקע יידישע וועלטלעכע שול.

*

אין יאָר 1927 האָבן זיך אין דער שול געלערנט 170־180 תלמידים, קינדער פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — סיי אָרעמע, סיי רייכע. אַחוץ דבורה פישער, האָבן אין דער שול געאַרבעט אַנדערע לערער: מוסין, מרים און אברהם ריינהאַרץ, גאָלדשטיין, פּינצאָוו, האָפונג, קאַטשערגינסקי, אַלפעראָוויטש. קיינער פון זיי איז ניט געווען באַזאָרגט אַפילו מיט אַ מינימאַלן געהאַלט. אַלץ איז געווען אָפּהענגיק פון דעם, וויפל שכר־לימוד האָט מען געהאַט אַריינגעטראָגן אין דער שול קאַסע. עפּעס פלעגט מען באַקומען פון געזעלשאַפטלעכע פאָנדן און פון סימפּאַטיקער, ווי אויך פון פאַרשיידענע שול אונטערנעמונגען.

לויט די פּוילישע געזעצן, איז דאָס געווען אַ פּריוואַטע שול, גלייך ווי אַלע אַנדערע שולן פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אין 1937 האָבן די שטאָטישע מאַכט־אָרגאַנען צוגענומען די געביידע פון דער שול, טאַקע ווייל דער בנין האָט געהערט דער שטאָט און די שול האָט געהאַט אַ פּריוואַטן סטאַטוס. דער ציל פון די מאַכט־לייט איז געווען אַ קלאָרער:



שילער און לערער פון זיבעטן קלאַס פון דער פּאָלקס־שול אין 1927.
אייבערשטע ריי רעכטס אויף לינקס:ביילע ווילקאָמירסקע, שרה גינזבורג, רחל קאָטלער, שרה־מערע גילינסקע, אומבאַקאַנט, חיה בושקאַנעץ, די לערערין מוסין, לאה לוקנער, בלומקע קאַין, רחל לעווין.
צווייטע ריי: די לערער דאָרע ברומבערג און פּינצאָוו; די לערערין און פאַרוואַלטערין פון דער פּאָלקס־שול דבורה פישער; די לערערין מרים ריינהאַרין; דער לערער אַלפּעראָוויטש; דער לערער אליהו גאָלדשטיין; די שילערין שרה־מערע קאַין.
דריטע ריי: אַ שילער פון דוקשט; ראובן ברוימאַן; ליבע ברוידאָ; שרה ברעזגין; רחל גילינסקע; אברהם סאָלאָווייטשיק; שרה ראָזאָווסקע; עלקע פעלדמאַן.

פאַרוואַלטונג פון אַביטוריענטן־קרייז פון דער סווינציאַנער יידישער פּאָלקס־שול אין 1936 אָדער 1937.
אייבערשטע ריי: ישראל סראַגאָוויטש; קאָטלער; לאהקע קאַגאַן; מאַטלע מורמים; הירש ווייסקונסקי; טעמקע מיכלסאָן.
צווייטע ריי: אברהם־משה ליפשיין; ד״ר צאַלעל צינמאַן; די לערערין און פאַרוואַלטערין פון דער פּאָלקס־שול דבורה פישער; צוויי אומבאַקאַנטע.



רואינירן די יידישע שול. אָבער אין משך פון די צוויי חדשים קאַניקולן האָט מען אויסגעבויט אַ נייעם בנין. און ניט נאָר די גאַנצע געזעלשאַפט פון סווינציאַן האָט צוגעלייגט צו דעם די כוחות — ס׳האָבן געהאָלפן שילער, אַביטוריענטן, עלטערן און טוער פון ווילנע און וואַרשע, אויך אַנדערע ישובים פונעם דעמאָלטיקן פוילן.

מען האָט זיך אָבער געגנוג ניט אָנגעפרייט מיט דער אייגענער שול — ס׳האָט זיך אָנגערוקט דאָס יאָר 1941. דבורה פישער, אַנדערע לערער, זייערע תּלמידים זיינען אַוועקגעשלעפּט געוואָרן אין סווינציאַנקע (ניי סווינציאַן), אויפן דאָרטיקן פּאָליגאָן. די מיט נסים פאַרבליבענע עדות דערציילן, אַז נאָבעלע מענטשן האָבן פאָרגעלייגט דער לערערקע פישער אַרויסצוגיין, מיט זייער הילף, פון דעם גיהנום. די אַלטע לערערקע האָט זיך אָפּגעזאָגט:

— איך וועל שוין איצטער, ווי שטענדיק, טיילן דעם גורל פון מיינע שילער. וואָס בין איך אָן זיי? גוטע מענטשן, ראַטעוועט בעסער מיינע שילער.

מיט פאַרנייגטע קעפּ שטייען מיר יאָר־יערלעך ביים ברידער־קבר, אויף דעם פּאָליגאָן וואו מען האָט אומגעבראַכט אַכט טויזנט יידן.

צווישן מאַמעס און טאַטעס, ברידער און שוועסטער, פריינט און חברים שטייט פּאַר אונדזערע אויגן דער ליכטיקער געשטאַלט פון דער קליינער גרייז־גרויער פרוי מיט איר איידעלן בליק און וואַרעמען שמייכעלע — אונדזער דבורה בת יצחק פישער ז״ל.